**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/13/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אויסוואהל פון נאָן-פּראַפּיט שותפות צו פארוואנדלען 1024 FULTON STREET לאקאציע אין סטעיט רעגירונג אייגנטום אין ברוקלין צו ווערן אפּאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט מיט 125 יוניטס**

***דעוועלאפּמענט וועט פארוואנדלען לאקאציע אין סטעיט רעגירונג אייגנטום אין קלינטאן היל צו ווערן 125 אפּאָרדעבעל היימער און 28,000-סקווער-פיסיגע קאמיוניטי צענטער פאר מערערע דורות און געזונטהייט קליניק***

***פראיעקט 100 פראצענט אין נאָן-פּראַפּיט אייגנטום רופט זיך דירעקט אפ צו קאמיוניטי פריאריטעטן אידענטיפיצירט דורך ברייטע פראצעדור צו הערן פון די פובליקום***

***בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו אדרעסירן די האוזינג קריזיס און איינשפאנען שטחים אין סטעיט רעגירונג אייגנטום צו פארגרעסערן האוזינג מארקעט***

***געמאלענע דעזיין פארעפנטליכט [דא]***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט די אויסוואהל פון א נאָן-פּראַפּיט דעוועלאפּמענט שותפות צו פארוואנדלען א לאקאציע אויף 1024 Fulton Street אין סטעיט רעגירונג אייגנטום אין ברוקלין'ס קלינטאן היל געגנט צו ווערן א 100 פראצענט אפּאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפּמענט מיט געמישטע באנוצן. די פארשלאג, אויסגעוועהלט דורך אן איינלאדענונג פאר פארשלאגן פראצעדור צו אויסוועהלן די בעסטע פארשלאג, וועט אהערשטעלן 125 פערמאנענט אפּאָרדעבעל היימער און א 28,000 סקווער-פיסיגע קאמיוניטי צענטער פאר מערערע דורות און געזונטהייט קליניק אויף א לאקאציע וואס איז يلييلشגעשטאנען נישט אויסגענוצט פאר צענדליגע יארן.

"ניו יארק ווייזט אויף אז ווען מיר שפאנען איין שטחים אין סטעיט רעגירונג אייגנטום און הערן זיך איין צו קאמיוניטיס, קענען מיר בויען די אפּאָרדעבעל האוזינג וואס אונזערע געגנטער און אונזער סטעיט דארפן", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די דעוועלאפּמענט וועט אהערשטעלן 125 אפּאָרדעבעל היימער און א ספעציעל געבויטע קאמיוניטי צענטער וואס רופט זיך אפ דירעקט צו דאס וואס קלינטאן היל איינוואוינער האבן געבעטן — האוזינג פאר א ברייטע רייע פון הויזגעזינדער און פאמיליעס, סערוויסעס פאר עלטערע מענטשן און קינדער און א העלטקעיר אנוועזנהייט אין די געגנט. דאס איז די בעסטע ביישפיל פון קאמיוניטי-געטריבענע דעוועלאפּמענט, און עס איז גענוי די סארט אינוועסטירונג וואס מיר דארפן צו אדרעסירן אונזער האוזינג קריזיס."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט (Empire State Development) פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָופּ נייט), האט געזאגט,** "עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט איז שטאלץ צו פאראויס גיין מיט דעם טראנספארמאטיוון פראיעקט נאך א ברייטע פראצעדור צו הערן פון די קאמיוניטי וואס האט אויסגעפארעמט יעדע געביט פון די פארשלאג. דורכן אויסוועהלן א 100 פראצענט

נאָן-פּראַפיט דעוועלאפּמענט גרופּע מיט אויפגעוויזענע רעפּוטאציעס אין ברוקלין, טוהען מיר זיכער מאכן אז די לאקאציע וועט באדינען די קאמיוניטי פאר פילע קומענדיגע דורות. די איבערבויאונג פון 1024 Fulton Street איז א ביישפיל פון וויאזוי סטעיט רעגירונג אינוועסטירונגען קענען שאפן אפּאָרדעבעל האוזינג, צושטעלן קריטישע סערוויסעס און פארשטערקערן געגנטער."

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal) קאמישאנער, RuthAnne Visnauskas (רוט-ען וויסנאָסקעס), האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער Hochul (האקול)'ס פירערשאפט, טוט ניו יארק פאראויס שטופן דעוועלאפמענטס, ווי 1024 Fulton, וועלכע טוהען נישט נאר אהערשטעלן אפּאָרדעבעל היימער, נאר שטעלן אויך צו די סערוויסעס און פלעצער וועלכע העלפן געגנטער בליהען. דער טראנספארמאטיווער פראיעקט וועט שאפן 125 היימער פאר פאמיליעס, שטיצן עלטערע מענטשן און קינדער און זיכער מאכן אז קלינטאן היל בענעפיטירט פון די לאקאציע פאר פילע קומענדיגע דורות. מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר אלע פון די קאמיוניטי שותפים וועלכע האבן דאס געהאלפן ערמעגליכן."

**ניו יארק סיטי מעיאר Zohran Kwame Mamdani (זאהראן קוואַמעי מאמדאני) האט געזאגט,** "האוזינג איז נישט א לוקסוס — עס איז די יסוד פון א יושר'דיגע און לעבהאפטיגע שטאט. ווען מיר קעמפן פאר באמת אפּאָרדעבעל היימער, קעמפן מיר פאר די רעכט פון ארבעטנדע מענטשן צו פארבלייבן אין די געגנטער וואס זיי האבן אויפגעבויט און אויפגעהאלטן פאר דורות. איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנער פאר איר שטיצע, און פאר אטוירני דזשענעראל James (דזשעימס), קאונסיל מיטגלידערין Hudson (האדסאן), סענאטאר Brisport (בריספּארט), אסעמבלי מיטגלידערין Souffrant Forrest (סאפראַנט פארעסט) און יעדער ערוויילטער שותף וועלכע האבן געמאכט דעם פראיעקט פאר א מעגליכקייט. די אינוועסטירונג אין אפארדעביליטי, קאמיוניטי און געזונטהייט פון די פובליקום אין צענטראל ברוקלין איז א דעקלעראציע אז אונזער סיטי קען- און מוז אהערשטעלן אן אפארדעביליטי אגענדע ואוס שטעלט מענטשן בעפאר פארדינסטן און וואס מאכט זיכער אז יעדער ניו יארקער האט א פלאץ צו פאררופן א היים."

**דעפּיוטי מעיאר פאר האוזינג און פלאנירונג, Leila Bozorg (לעילע באָוזאָרג), האט געזאגט,** "דאס אהערשטעלן אפּאָרדעבעל האוזינג אויף שטח אין רעגירונג אייגנטום איז א הויפט עלעמענט פון בויען א סיטי וואס ניו יארקער קענען זיך ערלויבן. איך בין שטאלץ צו זעהן דעם פראיעקט זיך רוקנדיג אויף פאראויס, ארויפבויענדיג אויף ברייטע באמיאונגען צו אריינברענגען די פובליקום אויף די Atlantic Avenue געמישטע-באנוצן פלאן, און איך בין דאנקבאר פאר די קאמיוניטי מיטגלידער און ערוויילטע בעאמטע וועלכע האבן געשטופט פאר אזוי לאנג דאס צו מאכן פאר א רעאליטעט. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט שותפים אריבער די סטעיט און סיטי צו אהערשטעלן אפילו מער אפּאָרדעבעל האוזינג אויף רעגירונג שטחים אין די צוקונפטיגע יארן."

די 1024 Fulton Street איבערבויאונג איז אן איבער 111 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג און וועט געבויט ווערן און זיין אונטער די פולשטענדיגע אייגנטום פון א שותפות צווישן די נאָן-פּראַפיט ארגאניזאציעס Fifth Avenue Committee, Bedford Stuyvesant Restoration Corporation און One Brooklyn Health — יעדע פון זיי האבנדיג טיפעווארצלען אין ברוקלין. די דעוועלאפּמענט גרופּע וועט ארבעטן מיט APEX Building Group און Henge Development – ביידע סערטיפייד אונטער דעם ניו יארק סטעיט ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען (Minority and Women Owned Business Enterprise, MWBE) פראגראם – צו צושטעלן אלגעמיינע קאנטראקטאר סערוויסעס און דעוועלאפּמענט פראיעקט מענעדזשמענט קאפאציטעט.

די אומגעפער 149,000-סקווער-פיסיגע דעוועלאפּמענט וועט אריינרעכענען:

- 125 אפּאַרדעבעל רענטעל יוּניטס באדינענדיג הויזגעזינדער וועלכע פארדינען צווישן 30 פראצענט און 80 פראצענט פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט, מיט יוּניטס אין גרויסקייטן פון סטוּדיאס ביז דריי-שלאף-צימערדיגע דירות צו אקאמאדירן פאמיליעס פון פארשידענע מאסן,
- א 27,000-סקווער-פיסיגע קאמיוניטי צענטער פאר מערערע דורות אויפגעהאלטן דורך Fort Greene Council, מיט פראגראמען פאר עלטערע מענטשן און עדזשוּקעישען פאר קליינע קינדער,
- א 1,000-סקווער-פיסיגע געזונטהייט קליניק אויפגעהאלטן דורך One Brooklyn Health און
- ענווייראמענט-שטאנדהאפטיגע דעזיין אייגנשאפטן אריינרעכנענדיג Passive House סערטיפיקאציע, פולשטענדיג-עלעקטרישע סיסטעמען און א גרינע דאך.

די אויסגעוועהלטע פארשלאג רופט זיך אפ צו געדאנקען וועלכע זענען געהערט געווארן דורכאויס א ברייטע פראצעדור צו הערן פון די פובליקום, דורכגעפירט פון הערבסט אריבער ווינטער פון 2024-2025. עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט, אין צוזאמענארבעט מיט לאקאלע ערוויילטע בעאמטע, האט אפגעהאלטן א סעריע פון קאמיוניטי ווארקשאַפּס וואו איבער 150 איינוואוינער האבן זיך באטייליגט. די הויפט געפינסן פון די ווארקשאַפּס זענען אריינגעלייגט געווארן אין א קאמיוניטי חזון באריכט, וואס האט אנגעוויזן אויף פריאריטעטן אריינרעכנענדיג האוזינג פאר ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט און א קאמיוניטי צענטער פאר מערערע דורות — ביידע פון וועלכע זענען צענטראלע עלעמענטן פון די אויסגעוועהלטע פארשלאג.

די דעוועלאפּמענט איז ערווארטעט צו שאפן אומגעפער 350 קאנסטרוקציע דזשאבס און צו אויפטרייבן באדייטנדע געלעגנהייטן פאר MWBE's. די דעוועלאפּמענט גרופע האט זיך פארפליכטעט צו איבערשטייגן 35 פראצענט מיטן זיך באנוצן מיט MWBE פירמעס אין קאנסטרוקציע און צו אויפנעמען 30 פראצענט לאקאלע ארבייטער אריבער אלע שטאפלען פון דעוועלאפּמענט.

צו שטיצן די איבערבויאונג, וועט די ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services) ערמעגליכן די אראפּוואַרפונג פון די עקזיסטירנדע לאנג-ליידיגע סטרוקטור. דער פארגעשלאגענער פראיעקט וועט דורכגיין א פראצעדור פאר די פובליקום עס צו איבערקוקן און גיבן קאמענטארן דערויף בעפאר די ענדגילטיגע איבערבליק אונטער אן ESD אלגעמיינע פראיעקט פלאן.

**אטוירני דזשענעראל Letitia James (לאטישע דזשעימס) האט געזאגט,** "די נייע דעוועלאפּמענט אויף 1024 Fulton Street איז די פארווירקליכונג פון א לאנג-ערווארטעטע געגנטליכע חלום. מיט 100 פראצענט אפּאַרדעבעל יוניטס, א געזונטהייט קליניק און א ספעציעל-געווידמעטע פלאץ פאר קאמיוניטי, וועט דער פראיעקט בענעפיטירן גאנץ ברוקלין, באזונדערס אונזערע עלטערע מענטשן. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול), עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט, Fort Greene Council און מיינע קאלעגן פאר זייער פארפליכטונג צו אריינברענגען די קאמיוניטי און מאכן דעם פראיעקט פאר א מעגליכקייט."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין Crystal Hudson (קריסטעל האדסאן) האט געזאגט,** "לעצטע יאר, האט די סיטי קאונסיל אריבערגעפירט די Atlantic Avenue געמישטע באנוצן פלאן (Atlantic Avenue Mixed Use Plan, AAMUP) — א קאמיוניטי-אנגעפירטע זאָנינג רעגולאציע ענדערונג וואס האט פארשפראכן צו ברענגען פערמאנענט אפּאַרדעבעל האוזינג אין צענטראל ברוקלין. און איך בין שטאלץ מיט די ארבעט וואס מיר האבן געטוהן צו אריינרעכענען די איבערבויאונג פון 1024 Fulton Street אלס טייל פון די AAMUP, ברענגענדיג תוצאות אויף די צוזאג מיט מער פון הונדערט יוּניטס פון 100% אפּאַרדעבעל האוזינג פאר פאמיליעס וואס פארדינען צווישן 30% און 80% פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט ($43,740 ביז $116,640 פאר פאמיליעס פון דריי). איך בין שטאלץ צו האבן געארבעט בשותפות מיט עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט אויף א פראצעדור וואס האט געשטעלט אין

צענטער שטימעס פון די קאמיוניטי און וואס האט פארזיכערט הונדערט פראצענט נאָן-פּראפיט אייגנטומערשאפט. דורכן צוזאמפארן באמת אפאָרדעבעל האוזינג מיט א קאמיוניטי צענטער אויפגעהאלטן דורך Fort Greene Council און א געזונטהייט קליניק אנגעפירט דורך One Brooklyn Health, ווייזט דער פראיעקט וויאזוי עס קוקט אויס צו אינוועסטירן אין לאנג-טערמיניגע אפארדעביליטי און געגנטליכע וואוילזיין."

**Fifth Avenue Committee עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Michelle de la Uz (מישעל דע לאַ אוּז), האט געזאגט,** "1024 Fulton Street איז א ביישפיל פון וואס איז מעגליך ווען קאמיוניטי חזון, רעגירונג פירערשאפט און מיסיע-געטריבענע שותפים קומען זיך צוזאם. אין צוזאמענארבעט מיט אונזערע נאָן-פּראַפיט און MWBE שותפים, טוט Fifth Avenue Committee פארוואנדלען א לאנג נישט אויסגענוצטע שטח צו ווערן מער פון 125 אפאָרדעבעל היימער און א צענטער פאר לעבנסוויכטיגע סערוויסעס וועלכע וועלן שטיצע פאמיליעס, עלטערע מענטשן און ארבייטער פאר דורות. א דאנק גאווערנער Kathy Hochul'ס (קעטי האקול) פירערשאפט און פעלזן-פעסטע לאקאלע שתדלנות, וועט 1024 Fulton Street שטיין אלס א לאנג-אנהאלטנדע אינוועסטירונג אין גערעכטיגקייט, געלעגנהייט, געזונטהייט און קאמיוניטי."

**Bedford Stuyvesant Restoration פרעזידענט און CEO, Blondel Pinnock (בלאנדעל פינאק), האט געזאגט,** "מיר זענען מער פון באגייסטערט צו אריינגיין אין א שותפות מיט אנדערע דעוועלאפּערס און נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס וועלכע טיילן מיט אונזער מיסיע צו איבערבויען א נישט אויסגענוצטע קאמיוניטי פארמעגן. 1024 Fulton Street וועט העלפן פארקלענערן עקאנאמישע אומגלייכקייט דורכן שאפן האוזינג געלעגנהייטן פאר איבער 125 פאמיליעס."

**CEO פון One Brooklyn Health (OBH), Dr. Sandra Scott (דר. סענדרע סקאַט), האט געזאגט,** "עס איז א פארגעניגן פאר OBH צו דינען אלס א דעוועלאפּמענט שותף אין דעם וויכטיגן אפאָרדעבעל האוזינג פראיעקט. מיר קוקן ארויס צו צושטעלן נאך העלטקעיר מיטלען פאר נייע און עקזיסטירנדע איינוואוינער אין די קאמיוניטי."

**CEO פון Apex Building Group, Lee Brathwaite (לי ברעטוועיט), האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul'ס (האקול) פירערשאפט ביים נוצן יעדע כלי וואס שטייט צו ניו יארק סטעיט'ס האנט ביים ברענגען נייע אפאָרדעבעל האוזינג צו ברוקלין. Apex איז באגייסטערט צו שטיצן א גרופע פון געוואלדיגע BIPOC-אנגעפירטע קאמיוניטי דעוועלאפּמענט, האוזינג און העלטקעיר ארגאניזאציעס ביים פארווירקליכן 1024 Fulton Street'ס אמביציעזע חזון. דער פראיעקט וועט דינען אלס א מוסטער פאר וויאזוי מיר קענען ארויסברענגען די פולע פאטענציאל פון ליידיגע פּראפּערטיס כדי צו באקעמפן אונזער האוזינג קריזיס, בשעת'ן צושטעלן ערשט-קלאסיגע קאמיוניטי פלעצער פאר העלטקעיר, טשיילד קעיר און פאר מענטשן זיך צו פארעלטערן אינערהאלב די קאמיוניטי."

**Henge Development פרינציפּעל, Ayanna Oliver-Taylor (איאנע אליווער-טעילאר), האט געזאגט,** "1024 Fulton Street איז א קאמיוניטי אוצר וואס שטעלט אין צענטער געזונטהייט, וואוילזיין און עקאנאמישע סטאביליטעט פאר די מענטשן און אינסטיטוציעס וועלכע האבן אויסגעפארעמט קלינטאן היל און בעד-סטיי פאר דורות. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) און עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט פאר זייער פארפליכטונג צו די געגנט, און מיר זענען שטאלץ צו העלפן פאראויס שטופן א פראיעקט אנגעפירט דורך Fifth Avenue Committee, Bedford Stuyvesant Restoration Corporation, One Brooklyn Health און Fort Greene Council, געבויט ארום די קאמיוניטי און באלאנגענדיג פאר זיי."

**Fort Greene Council, Inc. עקזעקיוטיוו דירעקטארין און CEO, Claudette Macey (קלאודעט מעיסי), האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) פאר איר פירערשאפט ביים אויפלעבן די לאנג-ליידיגע פראפערטי אין רעגירונג אייגנטום אויף 1024 Fulton Street אין ברוקלין. שטייענדיג אומבאנוצט זינט 1997, איז די לאקאציע יעצט אוועקגעשטעלט צו ווערן א קאמיוניטי-צענטרירטע דעוועלאפמענט רעזולטירנדיג פון די גאווערנער'ס חזון און פארפליכטונג. מיר קוקן ארויס צו אנהויבן די ארבעט און אהערשטעלן אפאָרדעבעל האוזינג און פראגראמען פאר עלטערע מענטשן און קינדער."

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**

גאווערנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער אפאָרדעבעל און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. זינט פיסקאלע יאר 2023, האט די גאווערנער געארבעט צו פארגרעסערן די האוזינג מארקעט דורך נאענט צו 4 ביליאן דאלאר אין געציהלטע אינוועסטירונגען, אן ארומנעמיגע האוזינג פלאן און איינגעפירטע נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער, און זי האט פארזיכערט א 500 מיליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטורישע קאסע צו אויפבויען ביז 15,000 נייע היימער אויף פראפערטיס אין סטעיט רעגירונג אייגנטום.

אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, האט HCR געעפענט נייע פראגראמען וועלכע טוען פארשנעלערן די דעוועלאפמענט פון עפארדעבל און געמישטע-איינקונפט היימען — סיי פאר די וואס דינגען און סיי פאר די וואס קויפן. דאס רעכנט אריין די פרא-האוזינג קאמיוניטי ( Pro-Housing Community) פראגראם, וואס געבט פאר באשטעטיגטע לאקאליטעטן די אויסשליסליכע צוטריט צו ביז 750 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג צו נוצן וויאזוי זיי פארשטייען. שטייענדיג היינט, זענען מער פון 400 קאמיוניטיס שוין סערטיפייד געווארן אלס האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס, אריינרעכענענדיג די סיטי אָוו ניו יארק.

די עקזעקיוטיוו בודשעט פאר די 2027 פינאנציעלע יאר טוט פארענדיגן די גאווערנאר'ס יעצטיגע פינעף-יעריגע, 25 ביליאן דאלאר האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער אנהאלטן 100,000 עפארדעבעל היימען איבער'ן סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר הייקלע באפעלקערונגען ווי אויך איבערפירן נאך 50,000 היימען צו עלעקטריק. מער פון 77,000 היימען זענען שוין געבויעט אדער פרעזערווירט געווארן ביז היינט. די עקזעקיוטיוו בודשעט האט אויך אינוועסטירט 250 מיליאן דאלאר צו פארשנעלערן די אויפבוי פון עפארדעבל האוזינג צו פארשנעלערן די אויפבוי פון נאך טויזענטע עפארדעבל היימען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן